ב"ה

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

---

## פרשת וארא

**וארא**

**ר"ח - יו"ד שבט**

די ערשטע מכה איז געווען דם. די וואסערן פון נילוס זיינען געווארן בלוט. דער טבע פון וואסער איז קאלט. קאלטקייט איז א היפך פון קדושה. ווייל קדושה איז חיות, לעבעדיקייט און ווארעמקייט. די ערשטע זאך וואס מען דארף איינברעכן איז קאלטקייט. בשעת ס'איז דא א קאלטקייט צו קדושה ענינים, הויבן זיך אן אלע שלעכטע זאכן. דערפאר איז דאס געווען די ערשטע מכה וואס האט צובראכן גלות מצרים.

די צווייטע מכה איז געווען צפרדע. די ד'זשאבעס זיינען ארויס פון וואסער און אריין "בתנוריך" (אין די אויוועגס). פונקט ווי עס דארף זיין ווארעמקייט צו קדושה, אזוי טאר ניט זיין א קאך אין עניני עולם הזה. פרעה'ס אויוועגס מיינט די היץ וואס איז געווען צו תאוות און גשמיות. די צפרדעים זיינען ארויסגעקומען פון וואסער צו לעשן די היץ און קאך פון עניני עולם הזה.

דאס זיינען אויך די צוויי עבודות פון "סור מרע" און "עשה טוב" (ניט טאן שלעכטס און טאן גוטס). געווינלעך איז דער סדר אז פריער דארף זיין "סור מרע" און דערנאך "עשה טוב". לויט דעם באוואוסטן משל, בשעת מען וויל מאכן א דירה פאר א מלך בשר ודם: איז די ערשטער זאך דארף מען ארויסנעמען אלע שמוציגע זאכן ("סור מרע"). ערשט דערנאך קען מען אריינשטעלן שיינע כלים ("עשה טוב") און מאכן עס א דירה ראוי-ה למלך. אויב מען איז ניט סור מרע, איז שווער אריינצובריינגען דעם טוב.

ס'איז אבער אמאל דא א פארקערטער סדר. אזוי ווי דער רבי מהר"ש זאגט: "די וועלט זאגט: אז מען קען ניט ארונטער דארף מען אריבער, און איך זאג לכתחילה אריבער".

מען בריינגט אריין ווארעמקייט אין קדושה און ממילא ווערט קאלטקייט צו עניני עולם הזה.

(לקו"ש ח"א ע' 121)

---

[Back to "Leben Mit Der Tzeit"](#)

*ב"ה*

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

---

## ראש חודש שבט - יו"ד שבט

---

עס שטייט אין חומש דברים "בעשתי עשר חדש באחד לחדש הואיל משה באר את התורה הזאת" (אין דעם ערשטן טאג פון דעם עלפטן חדש האט משה אנגעהויבן ערקלערן די תורה) און רז"ל זיינען מבאר אז אין דעם טאג (ראש חדש שבט) האט משה רבינו איבערגעזעצט די תורה אויף אלע זיבעציק שפראכן.

דארף מען פארשטיין:

צוליב וואס האט ער דאס געדארפט טאן? אלע אידן האבן דאן גערעדט לשון הקודש, און זיי זיינען געגאנגען איינגעמען די איין און דרייסיק מלכים פון ארץ ישראל אין אן אופן פון "לא תחיה כל נשמה" (ניט לאזן קיין איינעם לעבעדיק), איז צוליב וועמען האט מען געדארפט איבערזעצן די תורה?

דער ענטפער איז:

פאר דעם דור הפלגה האבן אלע מענטשן גערעדט לשון הקודש. נאר פון דעם חטא פון דור הפלגה איז ארויסגעקומען אז מענטשן זיינען געווארן צוטיילט. עס זיינען געווארן פארשידענע לשונות "אשר לא ידע איש שפת רעהו" (איינער האט ניט געוואוסט די שפראך פון זיין חבר).

אידן זיינען א גוי אחד. זיי זיינען א פאלק פון אחדות. זיי לערנען תורה אחת. אפילו אין דער וועלט וואו אלץ איז אפגעטיילט, גלויבן זיי אין איין ג-ט און פאלגן וואס ער הייסט.

דאס האט משה רבינו אויפגעטאן מיט'ן איבערזעצן תורה אין שבעים לשון. ער האט געמאכט אז אויך אין דער וועלט פון אפגעטיילטקייט, זאל מען וויסן אז עס איז פאראן השם אחד, דורך תורה אחת.

אין חדש שבט, אין טאג פון יו"ד שבט איז די הילולא-יארצייט פון פריערדיגן רבי'ן. ער האט זיך אויך געפירט אין דעם וועג. ער האט זיך עוסק געווען אין די טיפסטע ענינים פון תורה. אבער גלייכצייטיג האט ער געהייסן איבערזעצן תורה אין פארשידענע שפראכן, ביז אז אפילו א תינוק שנשבה, זאל עס אויך קאנען פארשטיין.

און די הנהגה האט דער רבי געמאנט פון אונז. מען זאל לערנען א סך תורה אבער זיך ניט אפשליסן אין די אייגענע ד' אמות. נאר לערנען תורה אויך מיט אנדערע, אפילו מיט אזעלכע וועלכע פארשטיין ניט לשון הקודש.

(לקו"ש ח"ג ע' 862)

---

Back to "Leben Mit Der Tzeit"